בס"ד

פרשת צו-שבה"ג

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

## אידישע קינדער זענען א ממלכת כהנים! יעדער איד שפילט איבער ביי זיך די עבודה פון די כהנים אין בית המקדש!

**אין** פרשת צו שטייט אין די תורה איבער די כהנים וואס האבן געהאט די זכי'ה צו שטיין ביי די עבודה אין בית המקדש. מיר טרעפן זיך איבערגעפולט מיט פסוקים איבער די ספעציעלע כבוד וואס איז געגעבן געווארן צו די כהנים. די כהנים דארפן איינהאלטן אסאך דינים וואס לייגט זיי אריין אין א קאטעגאריע פון אריסטיקראטיע! איך וויל נישט אז איר זאלט מיר מקנא זיין... (הרה"ג ר' אביגדור זצ"ל איז געווען א כהן). אבער וואך נאך וואך אין די סדרות פון ויקרא, צו, שמיני, און ווייטער די פאלגנדע סדרות פון ספר ויקרא, ווערן מיר מער און מער איבערגענומען פון די גרויסע כבוד וואס די תורה געבט פאר די כהנים.

ס'קען זיין אז אסאך פון אייך האבן אנגענומען די שיטה פון גלייך בארעכטיגונג, דערפאר ווילט איר נישט צופיל ארייננקלערן אין דעם ענין... אבער דער אמת איז, אז ווען די בני לוי זענען אויסגעוועלט געווארן צו זיין כהנים פארן אויבערשטן איז דאס געווען א גרויסע גדולה פאר זיי. דער כהן איז ארומגעגאנגען מיט א געהויבענעם קאפ. ס'איז נישט געווען נאר די איינלאדענונג צו א פדיון הבן אדער די תרומות אדער אנדערע מתנות וואס האט אים אזוי פרייליך געמאכט, נאר ס'איז געווען די פריוויליגיע צו קענען טון די עבודה אין דעם אויבערשטנ'ס הייליגע הויז וואס האט אים געמאכט שפירן גליקליך. איך האב נישט קיין ספק אז כלל ישראל האבן מקנא געווען די כהנים. און ווער רעדט נאך פון די בכורים וועלכע האבן פארלוירן זייער ארבעט, זענען זיכער געווען געפאלן ביי זיך.

### נישט איבערטרעטן גרעניצן

**צו** זיין א כהן איז געווען אן אייביגע פריוויליגע צו ווייזן די נאנטקייט פון דער רבונו של עולם. **והיו לי הלויים** אין די לויים זאלן זיין מיינע (במדבר ג. י"ב). און ווען דער אויבערשטער זאגט "מיינס", איז דאס געווען די גרעסטע כבוד וואס רוב פון כלל ישראל קען נאר חלומ'ען צו באקומען.

ווען איינער וואס איז נישט קיין כהן לערנט דורך דעם ספר ויקרא, קען ער שפירן ווי ער גייט אריבער די הייליגע טעריטאריע. ער ווערט געפירט איבער א רייזע פון עבודת הקרבנות אינעם הייליגן בית המקדש, און עס קען זיך אים דאכטן אז ער באלאנגט נישט דארט, ער האט איבערגעטראטן די שוועל פון די וועלט פון די כהנים, א וועלט פון קדושה. ער היפערט איבער די פרשיות ווי גלייך ער טרעט איבער פארבאטענע גרעניצן.

און דאן ווען ער גייט אריבער - אין די פסוקים - דעם בית המקדש, שפירנדיג נישט אין פלאץ, ווי א פרעמדער צו די אלע געהויבענע געזעצן, טרעפט ער זיך פלוצלינג אן מיט עפעס וואס ער האט נישט ערווארטעט. פונקט אינמיטן די הלכות פון די כהנים און קרבנות, איז דא א פסוק וואס פארט אוועק פונעם ענין, ווערטער וואס זענען געצילט צום עם ישראל. **כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו** "אלע פעטנ'ס פון אָקסן, שעפעלעך אדער ציגעלעך זאלט איר נישט עסן" (צו ז' כ"ג) ס'איז א פסוק וואס זאגט אונז איבער חולין, געווענליכע פלייש וואס מיר עסן אין אונזער שטוב. ס'זעט אויס כאילו די פסוקים קומען נישט דא אריין ווען די תורה רעדט צו די כהנים. פארוואס ווערט ארומגערעדט פון אונזער פריוואטע קאך אינמיטן פרשת צו ווען מ'רעדט בעיקר פון די קרבנות?

ווען מען לערנט דעם סוף פון פסוק טרעפן מיר אז די תורה געבט אונז א סימן **כי כל אכל חלב מן הבהמה אשר יקריב ממנה אשה לה', ונכרתה הנפש האוכלת מעמיה** "ווייל יעדער וואס עסט די פעטנ'ס פון א בהמה וואס איז כשר צו געברענגט ווערן פאר א קרבן פארן אויבערשטן, זאל זיין נפש אפגעשניטן ווערן פון זיין פאלק" (שם ז' כ"ג כ"ה).

זעען מיר פון דעם אז די תורה לייגט צו אפאר ווערטער **אשר יקריב ממנה,** ד.ה. אז נאר די פעטנס פון א בעל חי' וואס איז כשר צו גענוצט ווערן פאר א קרבן לה' איז פארבאטן צו עסן, למשל א קעלבל, א לעמעלע קען געברענגט ווערן פאר א קרבן, טאר מען נישט עסן די חלב, אפילו אויב סאיז נישט פאקטיש א קרבן.

לכאורה איז אביסל שווער צו פארשטיין, נאר צוליב דעם וואס דער כהן ארבעט אין בית המקדש איז מען מחויב צו אראפנעמען דעם פעטנ'ס פון די קעלבעלע? וואס האט די עבודה אין בית המקדש צוטון מיט דער אופן ווי אזוי איך גרייט צו די סטעיק אין קאך ביי מיר אינדערהיים? נאך אלעס איז עס דאך נישט קיין קרבן. און צו אראפנעמען די פעטנ'ס פאדערט זיך א געוואלדיגע ארבעט וואס הייסט 'טרייבערן' וואס מען קען נישט אליין טון נאר איינער וואס איז א מומחה קען עס טון און ס'קאסט א שיינע מטבע. פארוואס פעלט עס אויס?

## וואס איז שלעכט צו עסן בלוט?

**אין** די פאלגנדע פסוק טרעפן מיר אן ענליכע זאך: **וכל דם לא תאכלו בכל מושבותיכם לעוף ולבהמה כל נפש אשר תאכל כל דם ונכרתה הנפש ההיא מעמיה** "און אלע בלוט זאל נישט ווערן געגעסן אין אלע אייערע וואוינונגען פאר אן עוף אדער בהמה, יעדער מענטש וואס עסט בלוט, זאל זיין נפש אפגעשניטן ווערן פון זיין פאלק." (שם כ"ו כ"ז) יעדער איד וואס עסט פלייש, נישט קיין חילוק וואספארא סארט, און אין וועלכע פלאץ, מאכט ער זיכער אז ער ציט ארויס די בלוט. מיר שפענדן אסאך געלט צו מאכן כשר די פלייש ביים זאלצן ארויסצונעמען די בלוט. אבער פארוואס שטייט די הלכה פון בלוט אינמיטן ווען מען רעדט איבער די קרבנות אין בית המקדש? וואו קומט עס דא אריין?

## פארוואס שפילן מיר ביהמ"ק?

**דער** ענטפער איז נישט קיין סוד. די תורה זאגט אונז אפענערהייט אז די דם באלאנגט אויפן מזבח, **כי נפש הבשר בדם היא, ואני נתתי לכם על המזבח לכפר על נפשותיכם, כי הדם הוא בנפש,** "דאס לעבן פון א מענטש איז אין זיין בלוט, און איך האב אייך דאס געגעבן עס צו לייגן אויפן מזבח, אז ס'זאל מכפר זיין פאר אייער זעל, ווייל די בלוט איז מכפר אויפן לעבן". (שם י"ז י"א) דערפאר קען מען נישט עסן די בלוט אינעם בית המקדש, ווייל עס דארף ווערן געשפריצט אויף די זייטן פונעם מזבח, און אזוי

באקומט דער מענטש וואס ברענגט דעם קרבן זיין כפרה.

נו, ביי א קרבן קען מען פארשטיין פארוואס מען קען נישט עסן די בלוט, ווייל ס'איז הייליג, אבער אינדערהיים עסן מיר נישט קיין קרבנות. אונזער פלייש איז נישט צו מכפר זיין און דאך איז עס אסור. אנשטאט צו גיסן די בלוט אויפן מזבח זענען מיר אנגעזאגט געווארן: **על הארץ תשפכנו כמים** "אויף די ערד זאלט איר דאס גיסן" (דברים י"ב ט"ז). דאס איז ווייל אויב דער בעל חי' וואלט געווען א קרבן וואלט מען איר בלוט געגאסן אויפן מזבח. זעט מען פון דעם אז מיר באהאנדלען די חולין'דיגע עסן אויפן זעלבן וועג וואס די כהנים באהאנדלען זיך מיט זייער קדשים אינעם בית המקדש. **חקת עולם לדורותיכם בכל מושבותיכם כל חלב וכל דם לא תאכלו** "ס'איז א געזעץ אויף אלע דורות, אין אלע אייערע וואוינונגען זאלט איר קיין פעטנס און בלוט נישט עסן" (ויקרא ג י"ז) דאס איז די שאלה וואס מיר האבן אויבן געפרעגט: "פארוואס שפילן מיר בית המקדש אין אונזער קאך?!

## א כהן דארף גוט אויסזען

**וואס** איז נאך מער אינטערעסאנט איז, אז ס'איז נישט נאר הלכות פון די קרבנות קומט אריין אין אונזער טאג טעגליכן לעבן. די כהנים זענען אנגעזאגט געווארן: **אמור אל הכהנים, לא יקרחו קרחה בראשם ופאת זקנם לא יגלחו** "זאג פאר די כהנים, זיי זאלן נישט רייסן די האר פון קאפ, און זיי זאלן נישט שערן די עקן פון זייער בארד", **ובבשרם לא ישרטו שרטת** "און אין זייער פלייש זאלן זיי נישט אריינקריצן" (ויקרא ה' כ"א). א כהן דארף אויסזען ווי אן אריסטאקראט, ווי א פרינץ. און דער אויבערשטער זאגט אונז די סיבה דערצו: **כי את אשי השם לחם אלוקיהם הם מקריבים והיו קודש** "ווייל די קרבנות פונעם אויבערשטן, די עסן פון זייער גאט טוען זיי מקריב זיין, דערפאר דארפן זיי זיין הייליג" (שם ו' כ"א) זייער דרויסנדיגע אויסזען דארף פּאַסטן פאר זייער הייליגן תפקיד. די כהנים מוזן שטענדיג זיך פּאָרשטעלן צו אנדערע ווי אויסגערופענע לייט.

אבער די זעלבע אויסגערופענע הלכות חזר'ט זיך איבער נאכאמאל, און דאסמאל מיט אן אנזאג פאר דער גאנצער פאלק. די פסוק זאגט: **לא תקיפו פאת ראשכם, ולא תשחית פאת זקניך, ושרט לנפש לא תתנו בבבשרכם** "איר זאלט נישט אפשערן די עקן פונעם קאפ (פיאות), און איר זאלט נישט אפשניידן די עקן פון אייער בארד, און איר זאלט נישט מאכן א שניט אין אייער פלייש פאר א מת" (שם כ"א כ"ז-כ"ח). **בנים אתם להשם אלוקיכם, לא תתגודדו, ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת** "איר זענט קינדער פונעם אויבערשטן, איר זאלט נישט מאכן איינקריצן, און איר זאלט נישט מאכן אויסקריכן די האר צווישן די אויגן אלס טרויער נאך א טויטן".

דא טוט די תורה איבער'חזר'ן צו כלל ישראל די זעלבע הלכות וואס ער האט אנגעזאגט פאר די כהנים, און די סיבה איז אנגעגעבן געווארן אינעם פאלגענדע פסוק: **כי עם קדוש להשם אלוקיך, ובך בחר השם להיות לא לעם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה,** "ווייל איר זענט א הייליג פאלק צום אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אייך אויסגעוועלט פאר אן אויסדערוועלט פאלק פון אלע פעלקער אויף דער ערד" (שם י"ד ב'). דאס וואס איז געזאגט פאר די כהנים אלס א ווארענונג - אז זיי זאלן זיין הייליג, די זעלבע זאך איז אנגעזאגט געווארן פאר כלל ישראל מיט ענליכע סיבות **והיו קודש** ווייל איר זענט א הייליג פאלק, אפגעטיילט צו דינען דעם אויבערשטן.

## געוויסע סודות ווערט גרינגערהייט אויפגעדעקט

**איך** בין נישט ראוי אויפצודעקן די סודות פון די תורה, אבער געוויסע זאכן איז אפן אפילו פאר אונזער מוח. די זעלבע הלכות וואס איז געזאגט געווארן פארן כהן צוליב זיין געהויבענע ראנג, ווערט איבערגע׳חזר׳ט כמעט ווארט ביי ווארט פאר עם ישראל אפילו פארן פשוט׳סטער איד! כלל ישראל גייט טריט נאך טריט אונטער די כהני ה׳.

פארשטייט זיך אז ס׳איז דא סיבות פארוואס די הלכות ווערן איבערגע׳חזר׳ט, מען לערנט פרטים פון דעם און אסאך נייע הלכות, אבער יעצט לערנען מיר פשוטו של מקרא, און דאס זאגט אונז עפעס דא. די כוונות פונעם אויבערשטן איז בולט אין די פסוקים, אז א גאנצע פאלק טוט נאך זייער לעבן לויט די הלכות פון די כהנים.

## דעם אויבערשטנ׳ס אוצרות

**בעפאר** די תורה איז געגעבן געווארן האט הקדוש ברוך הוא געמאכט א דעקלעראציע צו כלל ישראל אז עפעס אויסערגעווענטליך וועט יעצט פארקומען. מיר דארפן זיך גוט איינהערן אין די הייליגע ווערטער וואס דער אויבערשטער האט געזאגט: ״איך גיי עפעס טון יעצט וואס אפילו די מענטשן וואס ווייסן דעם פסוק לייענען עס געווענליך אלס א פאעטישן אויסדריק, עפעס הערליך און נאבל און דאס אלעס, אבער ס׳איז נישט קיין שיין ווארט, מיר זאלן זיך גוט איינהערן אין די הייליגע ווערטער, דער אויבערשטער זאגט: ״איך גיי עפעס טון יעצט וואס וועט טוישן די נאטור פון די מענטשן, די גאנצע כלל ישראל וועט יעצט ווערן אנדערש, ווען איר וועט שטיין ביים בארג סיני און איר וועט זאגן **נעשה ונשמע**, מיר וועלן דיר אננעמען לעולם ועד, דאן וועל איך ענק מאכן אין אן אויסנאם סארט מענטש״ **והייתם לי סגולה מכל העמים**, ״איר וועט זיין פאר מיר אן אויסדערוועלט פאלק מער פון אלע אנדערע פעלקער. דאס גאנצע פאלק וועט ווערן אויסדערוועלט אלס מיין טייערע מתנה״ (שמות י״ט ה׳).

״סגולה״ מיינט אז אייער נאטור וועט ווערן געטוישט. אייערע מידות וועט ווערן איבערגעארבעט. דאס האט דער אויבערשטער געמיינט מיט די ווערטער: ״פון יעצט אָן וועט זיין אנדערש. איך וועל ענק דערהייבן צו גאנץ נייע מענטשן, אן עם סגולה״! נישט אז מיר זענען א גוטע פאלק אדער די בעסטע פאלק, נאר מיר זענען מער נישט א חלק פון די פעלקער פון די וועלט. מיר זענען ארויף א ראנג וואס איז אסאך העכער פון די מענטשהייט. א איד איז מער ווי סתם א בשר ודם וואס דריידט זיך אין די גרויסע וועלט.

און וואס איז די תפקיד פון דער אויסדערוועלט פאלק? די תשובה צו די שאלה איז די זעלבע תשובה פאר די אויבנדערמאנטע שאלות וואס מיר האבן געפרעגט. **ואתם תהיו לי ממלכת כהנים** ״איר וועט זיין צו **מיר** א פאלק פון כהנים און הייליגע מענטשן״, **אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל**, ״דאס זענען די ווערטער וואס איר זאלט זאגן פאר בני ישראל״, (שמות י״ט ו׳) מאך זיכער אז די אידן האבן גוט פארשטאנען וואס איך האב זיי געזאגט דא.

וואס מיר לערנען דא איז, אז די ווערטער: ״מיר וועלן זיין א ממלכת כהנים״, איז די וויכטיגסטע זאך. פארשטייט זיך אז אלעס אין די תורה איז וויכטיג, אבער די ווערטער שרייען ארויס. איך האב נישט געקלערט אז איך וועל קענען מסביר די ווערטער אבער פון איין נקודה קען מען דא

ארומרעדן.

## א באשעפטיגונג וואס שטארט ארויס

**קודם** דארפן מיר פארשטיין וואס דאסווארט "כהן" מיינט. אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט איז א כהן אן אויסדערוועלטער צו האבן די זכי'ה צו טון אויסערארדנטליכע ארבעט. און זיין ארבעט איז צו טון די עבודה פארן אויבערשטן. ער קען ווארשיינליך זיין א פלאמבער אדער א שיסטער אבער דאס איז נאר א טפל, זיין ריכטיגע ארבעט איז די עבודה אין בית המקדש. א כהן ווייסט אז זיין לעבן איז געווידמעט צו הקדוש ברוך הוא. ער איז געבוירן א כהן, ער לעבט אלס כהן און ער וועט געבן זיין לעצטן אטעם אלס כהן. זיין גאנץ לעבן שטייט ער גרייט פאר זיין תפקיד.

ווען דער אויבערשטער האט דערקלערט אז ער האט אונז אויסדערוועלט אלס א ממלכת כהנים האט ער אונז ארויפגעלייגט דעם זעלבן תפקיד פון די כהנים. וואס דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט א קעניגרייך וואס באשטייט פון געהויבענע לייט וואס יעדער פון זיי, מענער, פרויען און קינדער לעבן ווי כהנים צו טון די עבודה פארן אויבערשטן.

עס האט זיך ענק געדאכט אז די הלכות פון עם ישראל קומט נישט אריין דא אין פרשת ויקרא, אבער די תורה לערנט אונז אז זיי זענען ווירקליך אין פלאץ! די הלכות פאר די כהנים זענען געגעבן געווארן צוליב זייער ספעציעלן ראנג, און דערנאך ארויסצוברענגען די ראנג פון עם ישראל האט דער אויבערשטער זיי צוגעגליכן צו כהני השם, "איר זענט א ממלכת כהנים און אויך איר דארפט האלטן די ספעציעלע הלכות".

## ווארט נישט אריבערצומישן די סדרות פון ויקרא

**יעצט** ווען מיר לערנען דעם ספר ויקרא זעען מיר די הלכות פון די כהנים אין אן אנדערע בליק. מיר פארשטייען אז הקדוש ברוך הוא מיינט טאקע אונז. **ואתם תהיו לי ממלכת כהנים**, דאס מיינט אז אלעס וואס איר וועט לערנען אין ספר ויקרא וואס רופט זיך 'תורת כהנים' זאלט איר נישט מיינען אז דאס איז נאר פאר כהנים. און ביי קריאת התורה פון ספר ויקרא זאלט איר נישט זיצן אנגעלאנט ווארטנדיג אויף פרשת במדבר וואס איר מיינט אז איר זענט מער געאייגנט פאר דעם. ניין, און נאכאמאל ניין, ויקרא איז פאר אייך! דער אויבערשטער האט געמיינט גאנץ כלל ישראל מיט די הלכות כהנים און איר זאלט עס גוט חזר'ן.

די אומות העולם זאלן זיין פארנומען מיט די ערד פון די וועלט. מיר דארפן די איטאליענער און די מעקסיקאנער זאלן טון די ארבעט פאר אונז, אבער מיר זענען ממלכת כהנים! אפילו די בעלי מלאכות זענען כהנים וואס בשעת זייער ארבעט טוען זיי די עבודה ווי אין בית המקדש.

## אינדערהיים, די עבודה פון בית המקדש

**פונקט** ווי כהנים דארפן זיך היטן זייער כבוד, דארף יעדער איד אכטונג געבן ווי אזוי ער קוקט אויס. ער מעג זיך נישט מאכן וואונדן אין זיין קערפער און שניידן די עקן פון זיין בארד. ווייל מיר שפילן אויס אונזער לעבן אין אונזער הויז און ביי די ארבעט אויפן זעלבן אופן ווי די כהנים אין בית המקדש.

דערפאר וואס מיר זענען אויך הייליג ווי די כהנים האט אונז הקדוש ברוך הוא פארבאטן צו עסן חלב און בלוט, ווייל אויב דאס וואלט געווען א קרבן וואלט מען עס געלייגט אויפ'ן מזבח. דער אויבערשטער זאגט: "ווען איר שטייט אין קאך און איר גרייט צו עסן פאר אייער פאמיליע איז עס ווי די עבודה אין

בית המקדש!" ווייל ממלכת כהנים שטייען שטענדיג צום דינסט פון השי"ת.

## דער טיש איז א מזבח

**דערפאר** האבן אידן אלעמאל געוואוסט אז דער טיש איז א מזבח. **זה השולחן אשר לפני השם**. אין א אידישע שטוב האט מען קיינמאל נישט געלאזט די קינדער טאנצן אויף טישן. ווען א קינד גייט אויפן טיש זאגט די מאמע: "מען טאר נישט גיין אויף א מזבח!"

א טיש איז א מזבח נישט נאר ווייל מ'זאגט דברי תורה און מען טוט הכנסת אורחים אויף דעם, און אוודאי עסט מען כשר עסן אויף דעם, נאר עס איז פול מער פון דעם. דער מזבח איז א דערמאנונג אז איר זענט א כהן ביי די עבודה. בשעת'ן עסן זאלט איר דאנקען דעם אויבערשטן, לויבן זיינע מענטשן און זיין הייליגע תורה. איר זאלט זיין פארנומען צו טראכטן ווי אזוי איר קענט דינען דעם אויבערשטן.

## יעדער איד איז א כהן

**דער** מענטש וואס אנערקענט זיין פלאץ אויף דער וועלט, פארשטייט אז פון צופרי ביז ביינאכט טוט ער די עבודה ווי א כהן. אינדערפרי גלייך ווען ער שטייט אויף דארף ער זיך אפגיסן נעגל וואסער מיט א כלי. דער רשב"א (תשובות הרשב"א א' קצא) ברענגט אז נעגל וואסער איז צו ווייזן אז מיר זענען כהני השם. דערפאר נוצט מען א כלי ווי די כהנים אין בית המקדש ווען זיי האבן זיך אנגעגרייט צו טון די עבודה. **ככהן המקדש ידיו מן הכיור קודם עבודתו**, איר זענט ווי א כהן וואס רייניגט זיך די הענט פונעם כיור פאר די עבודה.

ווען איר גיסט זיך אפ נעגל וואסער, זאלט איר אריינקלערן וואס איר טוט. סאיז א שאד צו גיסן וואסער אין מיסט. איר זאלט אריינקלערן אז איר מאכט זיך גרייט פאר די עבודה אין בית המקדש. ווי אזוי מען הייבט אן דעם טאג אזוי פארט עס ווייטער.

דאס צוגלייכן עם ישראל צו די כהנים גייט נאך ווייטער. די מגבעות פון די בגדי כהנה האט דער כהן געטראגן אלס כבוד און שיינקייט. **ומגבעות תעשה להם לכבוד ולתפארת** די ווארט "**מגבעות**" קומט פון די ווארט "**גבעה**", בארג; גרעסער. די מגבעות האט געמאכט דעם כהן העכער אים צו שענקען א העכערע שטאנד ווי יעדן.

אמאליגע צייטן פלעגן אידן נישט טראגן היטן, אבער יעדער האט געוואוסט אז דער כהן טראגט א מצנפת און דאס האט זיי געגעבן תשוקה נאכצומאכן. "אויב דער כהן טראגט א מצנפת פארוואס זאלן מיר נישט?" האבן די אידן געטראכט. מיט די צייט האבן די אידן, די ממלכת כהנים, אנגעהויבן צו טראגן א היט נאכצומאכן די כהנים. און די פרויען וואס טראגן א קאפ צודעק גייען אויך אריין אין די קאטעגאריע פון ממלכת כהנים וואס האבן געטראגן א קרוין זיי צו באשיינען!

א איד דארף זיך אנטאן ווי עס פאסט. די בגדי כהנה איז געווען צו באשיינען דעם כהן "**לכבוד ולתפארת**". איינער וואס גייט מיט דזשינס אדער אנדערע גוי'אישע קליידער, ברענגט דאס אים נישט קיין כבוד און שיינקייט. די קליידער זאלן זיין אידיש און מכובד'יג אז ווען איר גייט אין גאס זאל מען קענען אנווייזן: "דארט גייט א הייליגער מענטש פון ממלכת כהנים, אזוי ווי ווען דער כהן איז געגאנגען אין גאס באצירט מיט די בגדי כהונה האט מען געוויזן מיטן פינגער: "דארט גייט דער כהן וואס איז קודש לה' צו טון די עבודה פאר'ן אויבערשטן".

## מיר זענען א הייליג פאלק

**נישט** קיין חילוק מיט וואס איר באשעפטיגט זיך, זאלט איר בשעת אייער ארבעט אינזין האבן אז איר טוט די עבודה אין בית המקדש אזוי וועלן אלע אייערע מעשים זיין לשם שמים. אויב איר וועט זיך צוגעוואוינען צו לעבן ווי ממלכת כהנים וועט דאס אריינגיין אין אייער וועזן און מיר וועלן זוכה זיין צו זיין א גוי קדוש, א פאלק וואס איז אויסגעוועלט געווארן פאר השי"ת לעולם ועד.

## די קונטרסים

# גליונות ליום טוב פסח

## חלק א'

### וועט בעז"ה זיין אין אלע געשעפטען נאך פאר שבת הגדול


**ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",**

צו באשטעלן ביי אונז
קונטרסים גליונות לש"ק
פארבינדט אייך מיט אונז
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com




# ליצנותא דעבודה זרה

## שאלה:

**די גמרא זאגט אז ס'איז א מצוה צו מאכן ליצנות פון עבודה זרה, איז עס א סכנה פאר איינעם צו מאכן ליצנות ביז עס ווערט ביי אים א צווייטע מידה און ער נוצט ליצנות פאר אנדערע זאכן אויך?**

## תשובה?

יעדע גוטע זאך האט נעגעטיווע זייטן. נעם א ביישפיל פון איינער וואס קויפט ארבעט'ס געצייג. אויב ער האט נאר א האמער און סקרול דרייווער איז עס נישט קיין סכנה, אבער אויב ער האט אן עלעקטראנישע זעג דארף ער זייער פארזיכטיג זיין דערמיט. א גרעסערע תפקיד ברענגט מיט זיך א גרעסערע אחריות.

ליצנות קעגן שלעכטס איז זייער א וויכטיגע מצוה. **ובערת הרע מקרבך** ס'איז א מצוה צו פארניכטן בעלי עבירה. דער שמש פונעם בית דין האט געהאט אן ארבעט צו געבן מלקות ווי די תורה פארלאנגט. איז עס א סכנה אז דער שמש וועט זיך צוגעוואוינען צו שלאגן מענטשן און ער וועט עס טון אויך אינדרויסן פונעם בית דין? מן הסתם נישט. מען האט עקסטער אויסגעוועלט א מענטש וואס איז א ירא שמים פאר די ארבעט און ער וועט עס טון נאר ווען ס'איז א מצוה.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

אויב דער איבערשטער האט אונז געהייסן נוצן די כח פון ליצנות צו באשמוצן די שקר פון דער וועלט, דארף מען עס באגרעניצן נאר פאר דעם. דער אמת איז, אז ווי מער א מענטש לערנט, אלס מער אנערקענט ער אין וואספארא סכנה ער געפונט זיך. אזוי ווי א חכם האט זיך אויסגעדריקט: **אוי לי אם אומה, ואוי לי אם לא אומר** ווי איז מיר אויב איך זאג עס, און ווי איז מיר אויב איך רעדט נישט דערפון..." עס צו זאגן קען זיין א סכנה אבער נישט צו זאגן קען זיין נאך ערגער. דערפאר דארפן מיר טון נאר וואס איז ריכטיג און אפמאכן ביי זיך צו נוצן אונזערע כלים און כשרונות נאר אין די ריכטיגע פלאץ.


מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות